בעזהשי"ת

# קינדערגארטן וויקל

ארויסגעגעבן דורך:
סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

פרשת פנחס
שנה ג' - גליון קי"ח
שנת תשעא לפק

הדלקת הנרות
8:11
זמן מוצאי שבת
9:38
פרקי אבות - פרק ששי


## דער העכסט אינטערסאנטן שפיל!

**אזוי אינטערסאנט!** מיט אזויפיל הנאה! ממש ספעציעל צו אונז מיט אונזער חדר שפראך איז דאס געווען. אזעלכע אינטערסאנטע זאכן צום באוואונדערן, ווי אזוי א מענטש קען טוהן די אלע שיינע זאכן!! מיר האבן אזוי סאך געלאכט און זיך געפרייט. צו א יעדע זאך וואס דער קינצן מאכער האט געמאכט האט ער מיטגעטיילט מיט אונז קינדער'לעך צוזאמען. איינער זאל האלטן די באלאן וואס פליהט אוועק די גאנצע צייט, און איינער זאל האלטן דעם שטעקן וואס ברעכט זיך איבער גלייך. הערליכע זאכן האט דער קינצן מאכער געמאכט מיט אויפגעשטעלטע באלאנ'ס ווי ער האט אריין געבלאזן "**לופט**" און דאס איז געווען הערליך.... מיר קענען זיך נישט גענוג באדאנקען פאר אונזערע עלטערן וואס שיקן אונז אין אזא פיינע זומער חדר....

## דער ווינט בלאזט שוין אוועק !!

השמים מספרים: קינדערגארטן, פרי ק"ג

**און די פארגאנגענע צוויי וואכן** פון זומער חדר האבן מיר זיך גוט באקענט מיט די וואונדערליכקייט פון דער וועלט וואס דער באשעפער האט באשאפן. מיר האבן געלערנט דעם גרויסן וואונדער פון די "**ווינטן - לופט**" וואס מיר טוען געניסן דערפון א יעדע מינוט ממש. אזעלעכע שיינע זאכן האט מיין רבי פארציילט די מעשה פון די בלעטל'ע וואס בלאזט זיך אראפ פון בוים, און דער באשעפער גיט דעם צדיק צו פארשטיין וואס דא האט פאסירט....!!! אזוי אויך דעם הערליכן ניגון וואס מיר האבן געזינגען ספעציעל צו די מעשה. אזוי ווייטער די וואך ביי די "**ווינט מיל**" מעשה אזוי וואונדעלעך ווען עס בלאזט דער ווינט און דער ווינט מיל דרייט זיך. מיר האבן טאקע געמאכט א שיינע קליינע ווינט מיל ווי מיר האבן אויך ארויף געלייגט פון אויבן עכטע ווייץ **און אונטן מעהל ממש ווי דער ווינט מיל. מיר ווילן זיך טאקע** שיין באדאנקען פאר אונזער חבר **אברהם יענק'על**ע ב"ר אלי' **הערשקאוויטש** נ"י וואס האט אונז געברענגט פון די פיינע פרישע ווייץ וואס מען האט געשניטן פאר די מצות פון פסח תשע"ב. וואס א דאנק די פיינע ווייץ האבן מיר געקענט זעהן און פארשטיין בעסער ווי אזוי דער ווינט מיל ארבייט.

יעצט זענען מיר שוין גוט באקאנט מיט דעם באשעפער'ס וואנדער פון "**ווינטן און לופט**" וואס מיר קענען זיך אזוי פיין דערקוויקן פון די פיינע לופט אין די זומער טעג.

## מען גרייט זיך שוין צום שווימען!



**"מיט גרויס פרייד ווילן מיר מעלדן אז דער נייער הערליכער דאך ווערט שוין פארענדיגט ווי עס וועט אי"ה אויפגעשטעלט ווערן די הערליכע נייע פול'ס, צום באנוץ פון די טייערע קינדער'לעך"** אי"ה אנגעויבן פון קומענדיגע וואך <u>מאנטאג</u> . די ארבייט באמת גייט שוין אן וואכן לאנג אז דער דאך זאל שיין פארענדיגט ווערן. נאר צוליב עטליכע קאמפלעצירט'ע פראבלעמען האט זיך דאס אביסל פארצויגן. מיר זענען גאר דאנקבאר פאר די איבערגעגעבענע און געטרייע ארבייט פון אונזער חשוב'ע מענעדזשער **האברך היקר ר' יואל שפילמאן** נ"י וואס לייגט אריין אזויפיל כוחות און געטריישאפט אז אלעס זאל זיין צוגעשטעלט אויפן העכסטן פארנעם בעזהשי"ת. דער אויבערשטער זאל אייך בענטשן מיט אסאך נחת און הרחבת הדעת מיט אלעם גוטן. און סייעתא דשמיא אויף ווייטער.

עס איז דא באזונדערע צעטליך פון דעם <u>"שווימען סדר"</u> ביטע דאס ליינען מיט אויפמערקזאמקייט. מיר האפן אז די קינדער וועלן בעזהשי"ת גאר שטארק הנאה האבן פונעם שווימען לויט ווי עס איז צוגעשטעלט פאר זיי זייער שיין.

## חלות לכבוד שבת!

**ביי** די מעשה פון דעם ווינט מיל האבן מיר געלערנט גיט אז מען דארף באקן די חלות נאר ביים "איד". האט דער מנהל איסגערופן דעם דאנערשטאג אז היינט וועט מען באקן חלות לכבוד שבת קודש "ביים איד", דער געטרייער קעכער פון אונזער חדר ר' **הערשל קלעפנער** נ"י וואס האט אונז אזוי שיין צוגעשטעלט דעם טייג אז מיר אליין זאלן קענען מאכן די חלות לכבוד שבת קודש. מען האט איסגעשטעלט א בעקריי אין דעם גרויסן האלל אסאך טישלעך מיין רבי זאגט אן קודם דארף מען זיך אפוואשן די הענט דערנאך באקומט א יעדע אינגעל א טייג און מען מאכט אליינס א חלה מען זאגט הויך, "לכבוד שבת קודש". דערנאך האט מען דאס אפגעפירט צום גרויסן קאך און אפגעבאקן ביים איד ר' הערשל נ"י לכבוד שבת וועלן מיר האבן פיינע פרישע היימישע חלות.

## חכמה'לע

**חיים ארי'** האט זייער שיין פארציילט די מעשה פונעם ווינט מיל. ווען זיין מאמע האט געזאגט אז זיין רבי קען אזוי גוט פארציילן!! זאגט **חיים ארי'לע** אז מיין קאפ קען אזוי גוט פארשטיין!!

# מזל טוב וואונטשן

## ברכת מזל טוב

פאר הילד

**משה יודא בן הר"ר יואל שווארץ ני"ו**

לכבוד זיין אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי שמואל ברוך קאהן שליט"א

און רבי סנדר ישראל מיללער שליט"א

## ברכת מזל טוב

פאר הילד

**שלמה ב"ר יואל הירש ני"ו**

לכבוד זיין פעטער'ס חתונה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי משה נח גאלדשטיין שליט"א

## ברכת מזל טוב

פאר הילד

**דוד שמואל ב"ר מרדכי אהרן ווייס ני"ו**

לכבוד זיין אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי מאיר משה שפיטצער שליט"א

און רבי ירמי' לעווי שליט"א

## ברכת מזל טוב

פאר הילד

**יעקב ב"ר יואל גאנז ני"ו**

לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי יואל געלבמאן שליט"א

## ברכת מזל טוב

פאר הילד

**משה ב"ר לייבוש רוקח ני"ו**

לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי אשר בערגער שליט"א

## ברכת מזל טוב

פאר הילדים

**יחיאל אשר און ישכר דוב ב"ר משה שרייבער ני"ו**

לכבוד זייער אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי שמואל ברוך קאהן שליט"א

און רבי סנדר ישראל מיללער שליט"א

## ברכת מזל טוב

פאר הילד

**דוד ב"ר יואל שמאיע ני"ו**

לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי מנחם מענדל פארקאש שליט"א

## ברכת צאתכם לשלום

פאר הילד

**צדוק יודא ב"ר יואל שפיטצער ני"ו**

לכבוד זיין מופן אויף מאנסי

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי משה נח גאלדשטיין שליט"א

## ברכת מזל טוב חמה ולבבית

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער קעכער

## ר' הערשל קלעפנער הי"ו

**לכבוד די געבורט פון זיין נייע טאכטער**

**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**

דער באשעפער זאל העלפן אז איר זאלט איהר מגדל זיין גרינגערהייט לבעל תורה ולחופה ולמעשים טובים און איר זאלט שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און קינדער פון סאטמאר קינדערגארטן**

**דער קידוש וועט פארקומען דעם שב"ק בביהמד"ר ברך משה סקולמען סט.**

## ברכת מזל טוב

פאר הילד

**אשר ב"ר חיים יוסף רייז ני"ו**

לכבוד זיין אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי יעקב מאיר סרוגא שליט"א

און רבי שלום יצחק שעהר שליט"א

## ברכת מזל טוב

פאר הילד

**משה העניך ב"ר נפתלי הירצקא ברילל ני"ו**

לכבוד זיין פעטער'ס בר מצוה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי מנחם מענדל פארקאש שליט"א

## ברכת מזל טוב חמה ולבבית

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער סגן מנהל

## ר' אליעזר צבי הכהן כ"ץ הי"ו

לכבוד די געבורט פון זיין נייע אייניקל ביי זיין איידעם דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער מלמד

## ר' מאיר משה שפיטצער הי"ו

**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**

דער באשעפער זאל העלפן אז איר זאלט איהר מגדל זיין גרינגערהייט לבעל תורה ולחופה ולמעשים טובים און איר זאלט שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און אייערע תלמידים**

**דער שלום זכר וועט פארקומען דעם שב"ק בביהמד"ר גאלאנטע יוז סט.**